בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת שופטים

שנת תשפ"ו לפ"ק

נלקט משיעוריו של
הגה"צ רבי **יהושע העשיל שארף** שליט"א
**רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל**

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

**בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231**

**לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29**

**בארץ ישראל 073.321.1792**

**מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע**

**אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134**

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת שופטים

דער פסוק זאגט אין די וואעדיגע סדרה שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך לכאורה דארף מען פארשטיין די סדר העולם איז אז ווען איינער באקומט א טיקעטביים דרייוועון קודם באקומט ער די טיקעט פון א פאליציי וואס דאס איז א שוטר און נאכדעם גייט מען צום שופט הערן וואס ער פסק'נט איז פארוואס שטייט דא ערשט שופטים און נאכדעם שוטרים

נאר די תירוץ איז על פי וואס איז ידוע אז ווען א איד גייט אין גאס און ער היט זיך די אויגן באקומר ער א כח פון צדיק גוזר דאס הייסט אפילו עס איז אים באשערט א שווערקייט קען ער עס דעמאלס מבטל זיין און ווי אויך גוזר זיין א גוטע זאך ווי עשירות וכו'

די פסוק דערמאנט שעריך ווען מען גייט ארויס אין גאס דארף מען דאך ערשט אריבערגיין א שער א טיר ווען איד גייט אין גאס און היט זיך די אויגן איז אנדערש ווי די געווענליכע סדר וואס ערשט קומט א שוטר און נאכדעם א שופט און אזוי' איז מען דן די מענטש נאר מען גייט גלייך צן די בחינה פון שופטים וואס די איד קען זיך אנפסקנ'ן משאלות לבו לטובה

בבחינת צדיק גוזר אנדערש ווי א געהעריגע תפלה וואס עס איז דא א געוויסע סדר ביז עס ווערט אנגענומען

מען געפינט זיך אין די ימי אלול, אלול איז בגי' ס"ז ז' איז דאך מלכות וואס דאס איז די עבודה אין די טעג ממליך זיין די אויבעשטער אויף זיך שתמלוכני עליכם איז די רמז ס' אז איד איז עוסק אין די עבודה פון מלכיות איז דורך דעם ס' ווערט בטל פון אים אלע מרעין בושין און ער בעט זיך אויס א לעכטיגע פיינע יאר בכל הענינים

וועט איינער פרעגן וואס האט די אות ס' מיט ביטול נאר ווי באקאנט באיסור והיתר איז דאך דער שיעור ביטול בששים קומט אויס אז מען איז מבטל פון זיך אלע שווערקייטן דורכ'ן ממליך זיין די אויבעשטער אויף זיך אין דיע טעג

נאך א רמז איז בששים איז א לשון פון שמחה, 'ששים' ושמחים לעשות רצון קונם אפילו די טעג זענען ימי דין און גאר ערנסטע טעג דארף מען נאך אלס קענען צוגיין מיט א שמחה צו די זאך און מיט א שמחה של מצוה מקיים זיין וגילו ברעדה,

מען האט דערמאנט די עבודה פון מלכיות וואס מיינט דאס די עבודה פון מלכיות נאר עס קומט סוף יאר עס איז געווען א יאר וואס יעדער האט געהאט זיינע מצבים איינער האט געהאט הצלחות און איינער אן עגמות נפש קטן כגדול

עס קומט סוף יאר איז צייט צו מאכן א סך הכל אז אלס איז געווען פון אויבערשטן בלי יוצא מן הכלל און פאר די חסדים דאנקן די אויבעשטער און פאר די עגמת נפש'ן זאגן מיט א פה מלא אז עס האט נישט געקענט זיין אנדערש נאר עס האט געדארפט אזוי זיין ואמונתך בלילות און לעבן מיט אמונה באיזה מצב שהוא

ווען מיר יעצט דערמאנען כמה וכמה ווערטער וואס האבן נישט קיין שייכות דוקא מיט די סדרה אדער חודש אלול און מיר האפן אז מען וועט שעפן חיזוק און הנאה האבן תורת ה' תמימה משיבת נפש,

מסכת כתובות טרעפט מען ווערט אנגערופן ש"ס קטן מען זאגן א רמז וועגן דעם ענין ווי פאלגנד, סאיז באקאנט פאר סיי ווער וואס ווייסט וואס א כתובה איז אז דורך די כתובה איז די מאן זיך משעבד צום פרוי אז ער וועט איר מפרנס זיין וכו' מען טרעפט אז א מאן אזי א משפיע און א פרוי איז א מקבל קען מען זאגן אזא רמז אז איד איז מקבל אויף זיך די עול התורה איז ער משפיע אז ער וועט מצליח זיין אין לערנען בבחינט ש"ס קטן איין קבלה קטנה איין דבר קטן ברענגט מצליח צו זיין אין ש"ס

מען זאגט אין נוסח פון אהבה רבה אבינו מלכנו בעבור שמך הגדול דארף מען פארשטיין וואס איז דאס שמך "הגדול" לכאורה וואלט געדארפט שטיין בעבור שמך און דאס איז עס

נאר דער תירוץ איז אזוי און מען וועט דארפן צולייגן אביסל קאפ עס איז באקאנאט אז ווען א איד האט סיי וועלעכע צער אדער עגמת נפש האט כביכול די שכינה אויך א צער און ווען ער איז מתפלל צום אויבערטשן צוליב דער צער השכינה ווערט מען גלייך געהאלפן אזוי

ווי מען טרעפט ביים דאווענען רפאנו ה' ונרפא מען הייבט אן בלשון יחיד און מען ענדיגט צו ונרפא לשון רבים דארף דען כביכול אויך א רפואה נאר אזוי ווי מען האט דערמאנט אז היות די שכינב איז אויך בצער דריקט מען זיך אויס כביכול צום אוברשטן רפאנו ה' באשעפער הייל מיך שוין אויס ונרפא וועלן אונז זיךביידע אוסהיילן אז סיי די שכינה וועט נישט זיין בצער און ווי אויך די מענטש און דאס איז וואס שטייט ווייטער הושינעו ונושעה העלף אונז וועלן אונז ביידע געהאלפן ווערן

עכ"פ מען טרעפט דעם ענין כסדר ביים דאווענען אויף א באהאלטן אופן לדוגמא טרעפט מען אויך כי לישועתך קויני כביכול אויף דיין ישועה אז די שכינה זאל געהאלפן ווערן בביאת

הגואל צוליב די צער השכיה אזוי ווי עס שטייט אז צום סוף וועט מען זוכה זיין צו די גאולה צוליב דעם למעני למעני אעשה וואס למעני איז א לשון פון צער ועינוי וואס איז א ריבוי אחר ריבוי למעט אז עס וועט שוין נישט זיין קיין צער השכינה ווייל מען וועט שוין זוכה זיין צו ביאת הגואל און צו די גאולה שלימה

לויט דעם קען מען פארשטיין דאס וואס מען זאגט ביי אהבה רבה למען שמך הגדול ווי דערמאנט איז למען א לשון פון עינוי וצער ווען עס קומט צום לערנען איז נישט דא קיין גרעסערע נחת רוח פארן אויבערשטן אז א איד מוטשעט זיך אויף לערנען און איז זיך מתייגע אויף לערנען א בחינה פון יתרון האור מן החושן א בחינה פון ובהם נהגה וואס איז א לשון נהגי ואור אז דורך די יגיעה און דאס וואס מען פארשטייט נאכ'ן זיך מוטשען איז נישט דא קיין גרעסערע אור ווי דעם

ממילא קומט אויס אז איד האט א צער און א בחינה פון עינוי ביים לערנען אנדערש ווי געוועגליך ווען א איד האט א צער ועינוי קען מען נישט זאגן אז צוליב די צער השכינה וועט ער בעסער פארשטיין ווייל אזוי קומט די זאך אז עס זאל זיין צער און די אויבעשטער האט א נחת רוח פון דעם איז ממילא נישט דא קיין צער פאר די שכינה

נאר וואס דען וואס איז טאקע פשט און שמך הגדול נאר אמאל איז דא מען האט זיך מתייגע געווען און באמת פרובירט מיט אלע כחות צו פארשטיין אבער דאך מען טאפט א וואנט און מען פילט א מען קען נישט גיין ווייטער נו וואס טוט מען אין אזא פאל

ווען מיר מאכן א קורצע הקדמה ווי באקאנט אריז די שם השילוב בימינו אלה אין גלות בגי' צ"א און ווען משיח וועט קומען וועט עס זיין צ"ה עס איז א לענגערע שמועס מען וועט נישט אריינגיין אין די פרטים עס איז א באקאנאע ווארט וואס שטייט פון זרע קודש די הייליגע ראפשיצ'ער רב זי"ע אז ווען מען ווינטשט חתן כלה די זיווג זאל עולה יפה זיין יפ"ה איז בגי' צ"ה און די זיווג השמות וועט זיין אנשטאט צ"א צ"ה היות אנטשאט די ו' פון די שם הוי' וועט זיין א י',

ממילא קומט אויס אז שמך הגדול גייט ארויף אויף די זמן הגאולה וואס דעמאלט וועט די שם זיין מיט פיר מער וואס דאס מיינט גדול, איז לויט אוזערע שמועס אפילו בימינו אלה איז נישט דא קיין צער השכינה ווען מען איז זיך מתייגע אויף לערנען ווי פריער דערמט אבער אז מען טאפט א וואנט און מען קען נישט גיי ווייטער דאס וועט מען דארפן צוקומען צו די זמן הגאולה,

ווען מיר מאכן נאך איין קורצע הקדמה עס ווערט געברענגט אז ווען משיח וועט קומען וועט מען שוין נישט קענען לערנען דאס בלעטל גמרא וואס מען האט אריינגעכאפט דא בימי הגלות דאס איז עס

ממילא אויב טאפט מען א וואנט ביים לערנען און מען קען נישט גיין ווייטער דעמאלס וועט זיין א צער פאר די מענטש אז ער האט נישט אריינגעכאפט צוליב דעם וואס ער האט נישט געקענט מער לערנען צוליב חוסר הבנה וואס דעמאל איז די צער פון דעם איד כביכול אויך משפיע א די שכינה כביכול וועט האבן א צער ווייל היות די איד וועט דעמאלס האבן א צער און עס איז שוין נישט שייך דעם פראבלעם אז די שכינה איז נישט בצער

ווייל אזוי קומט עס אז איד זאל זיך מייגע זיין אין לערנען ווייל דער צער איז נאר שייך ווען עס איז גילטיג דאס אז כביכול די אויבעשטער האט הנאה פון דער צער ממילא איז נישט דא קיין צער השכינה

אבער בזמן הגאולה האט די שכינה אויך הצער מחוסר הלימוד וואס מען האט געלערנט בימי הגלות צוליב חוסר ההבנה אויף דעם איז מען מתפלל ביי אהבה רבה ווען מען בעהט אויף הבנת התורה בעבור שמך הגדול די שם וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, והדברים ששים ושמחים כנתינתם מסיני.